אינזשענער י. אָקון.

פראדוציר־קאאפעראטיוון

אדער

פראדוציר־ווערקשטובן.

ווילנע, 1920.

דרוקעריי

פון די ווילנער פראָדוציר=קאָאָפעראַטיוון.

אינזשענער י. אָקון.

פּראָדוּציר־קאָאָפּעראַטיוון

אָדער

פּראָדוּציר־ווערקשטוּבּן

ווילנע

1920.

דרוקעריי פון די „ווילנער פראדוציר־קאאפעראטיוון״, נייע גאס, 3.

I.

די לעצטע צייט האָט זיך אָנגעהויבן צו באַמערקן מצד די אַרבעטער־קרייזן אַ אינטערעס צו פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, אין אייניגע שטעט פונקציאָנירן שוין אפילו אַזעלכע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. מען האָט אָנגעהויבן צו פילן די נויטווענדיגקייט אין די דאָזיגע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, וועלכע דאַרפן שפּילן אַ באַדייטענדע ראָלע אין דעם איצטיגן איבערגאַנגס־פּעריאָד. די שרעקליכע אַרבעטסלאָזיגקייט, דער מוראדיגער חורבן אין דער וועלטליכער ווירטשאַפט, דער מאַנגל אין פּראָדוקטן און סחורות, דער אונטערגאַנג פון דער פּריוואַטער איניציאַטיוו — דאָס זיינען די לעבנס־פאַקטאָרן וועלכע טרייבן דעם אַרבעטער־קלאַס זוכן מיט אייגענע מיטלען צו שאַפן די באַטרעפנדע עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציעס, זעהן מיט אייגענע קרעפטן העלפן אַיינצושטעלן וויפיל ניט איז די צושטערטע ווירטשאַפט און שאַפן גלייכצייטיג אַרבעט פאַר די אַרבעטסלאָזע.

מען דאַרף אָבער זאָגן אָפן, אַז די פראַגע וועגן די פאָרמען און יסודות פון אַזעלכע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, איז זעער ווייניג באַרירט און באַלויכטן, מען רעט אָפטמאָל וועגן באַגריפן וועלכע אַנטשפּרעכן ניט זייער אינהאַלט, מען חזרט איבער אַלטע אויסגעדראָשענע פראַזן, וועלכע האָבן פאַרלאָרן איצט דעם גאַנצן זין. ביי אַזאַ צושפּליטערטקייט פון מיינונגען און געדאַנקען באַקומט זיך אַזאַ אונגאָרמאַלע ערשיינונג, וואָס מען בויט אין פאַרשידענע שטעט גאַנץ פאַרשידענע אינסטיטוציעס, אויף גאַנץ פאַרשידענע יסודות. יעדער שטאָט האָט זיך איר שיטה, איר אָרגאַניזיר־

פאָרם. נעמט למשל, די פראָדוציר=קאָאָפעראַטיוון אין ווילנע, מינסק, וואַרשע, גאַליציען וכדומה, דאָס זיינען אַלץ קאָאָ= פעראַטיוון געבויט אויף פאַרשידענע יסודות. וועט דאָס גיין אויך ווייטער אויף דעמזעלבן אופן, וועט די זאַך פון די קאָאָפעראַטיוון זעער ליידן, ווייל ביי דער ווייטערדיגער אַנטוויקלונג וועלן די אַלע קאָאָפעראַטיוון מוזן קומען צוויש= זיך אין באַרירונג, און דאַן וועט זיך שטאַרק פילן די פאַרן שידענאַרטיגקייט פון דיזעלבע קאָאָפעראַטיוון.

אַלענפאַלס מוז מען זיך באַצייטנס פאַנאַנדערקלייבן אין די מיינונגס=פאַרשידענהייטן בנוגע צו דער דאָזיגער פראַגע, מען דאַרף זוכן צו געפינען דעם ריכטיגן אויסוועג און צו באַשאַפן אַ איינהייטליכע פאָרם פון די אַלע עקאָ= נאָמישע אַרבעטער=אינסטיטוציעס. מען דאַרף צוערשט פעסטשטעלן די באַגריפן, וועגן וועלכע מען רעט, אויסטיילן די פרינציפן בנוגע צו וועלכע עס איז כמעט ניטאָ קיין שום מיינונגס פאַרשידענהייט אין די אַרבעטער=קרייזן, און נאָכ= דעם אָפשטעלן זיך גענוי אויף די שטרייט=פראַגן, וועלכע עס הערשן אויף דעם דערמאָנטן געביט.

.II

קודם כל דאַרף מען זיך קלאָר מאַכן די באַגריפן, וועגן וועלכע מען רעט, ניט צונויפמישן פאַרשיידענע גע= דאַנקן. רעט מען וועגן פאַרברויכס=קאָאָפעראַטיוון, גיט דאָס וואָרט „קאָאָפעראַטיוו“ ניט איבער דעם אמת'ן כאַראַק= טער פון דער אַרבעטער=קאָאָפעראַציע. עס איז ריכטיגער צו באַנוצן דאַן דעם אויסדרוק „קאָנסום=פאַראיין“, אָדער „פאַרברויכס=פאַראיין“. דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך. די מיטגלידער פון געברויכס=קאָאָפעראַטיוו זיינען דאָך מער ניט ווי פאַרברויכער, זיי טראָגן נאָר אַריין דעם פאַי און באַקומען פון צייט צו צייט פערזענליך אָדער דורך וועמען

עס איז די פּראָדוקטן, זיי נעמען אָבער ניט קיין שום אונ־
מיטלבאַרן אַנטייל אין דער אַלטעגליכער אַרבעט פון „קאָ־
אָפּעראַטיוו“, ניט אין אַיינקויף, ניט אין פאַרטיילונג, ניט אין
אָנפירונג. די גאַנצע שווערע אַרבעט ווערט דורכגעפירט דורך
אַ קליינעם קרייז אָ נ ג ע ש ט ע ל ט ע, די נוצן און דיווי־
דענדן גייען אבער לטובת אַלע מיטגלידער, וועלכע טראָגן
אַריין די פאַיען. נאָר דאָס אַנטשפּרעכט אָבער בשום אופן
ניט די אייגנטליכע יסודות פון אַ אַרבעטער קאָאָפּעראַטיוו
אין פולן זין פון וואָרט, דאָס איז טאַקע מער ניט ווי אַ
פאַרבראויכס פאַראיין.

דאָס זעלבע ווייזט זיך אַרויס נאָך בולט'ער בנוגע
צו די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. מען נוצט אָפט אויס אין
דער פּרעסע דעם אויסדרוק „פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון“,
מען הערט אָפטמאָל אויף פאַרזאַמלונגען פאַרטיידיגער פון
דעם געדאַנק צו שאַפן פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון.

טראַכט מען זיך אָבער אַריין אין די יסודות און
פאָרמען פון די דאָזיגע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע
ס'ווערן אָפטמאָל רעקאָמענדירט, אַזוי זעט מען קלאָר, אַז
זיי האָבן קיין שום שייכות ניט צו קאָאָפּעראַטיוון, אַז דאָס
לייגט מען פּשוט פאָר עפּענען ביי די קאָנסום־פאַראיינען
ווערקשטובן, וואו יעדער אַרבעטער איז דאָרטן אַ געוויינ־
ליכער פאַרקויפער פון אַרבעטס־קראַפט, וואו ער געפינט זיך
כמעט אין די זעלבע באַציאונגען צו דער פאַרוואַלטונג, ווי
צו אַ קאַפּיטאַליסטישע אַדמיניסטראַציער פון אַ פאַבריק.

ס'איז קלאָר אַז אַזעלכע באַציאונגען צווישן די אַר־
בעטער און דער פאַרוואַלטונג האָבן לחלוטין ניט צו טאָן
מיט אמת'ע אַרבעטער־קאָאָפּעראַטיוון, אדרבה, זיי זיינען
אין שאַרפן ווידערשפּרוך מיט די יסודות פון ריכטיגע פּראָ־
דוציר־קאָאָפּעראַטיוון, אין וועלכע עס טאָרן בשום אופן ניט

זיין קיינע געוויינליכע פאַרקויפער פון אַרבעטס=קראַפט. מען דאַרף דעריבער ניט פאַרפלאָנטערן די באַגריפן און ריידן וועגן שאַפן פראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון בשעת מען לייגט פאָר דעם היפך, שאַפן אונטערנעמונגען, אפילו ווען די אונטער=נעמער זיינען קאָנסום=פאראיינען, אבער דאָך אונטערנעמונ=גען, וואו די בעה״ב זיינען די פאַרוואַלטונגען, און די פראָ=דוצירער זיינען געוויינליכע לוין=אַרבעטער.

מען דאַרף אָנרופן די זאַך מיט איר אמתן נאָמען, מען לעגט פאָר אָפּטמאָל שאַפן אָנשטאָט פראָדוציר=קאָאָפּע=ראַטיוון—פראָדוציר=ווערקשטובן, אָנשטאָט קאָלעקטיווע אַר=בעטער=אינסטיטוציעס אויף סאָציאַליסטישע יסודות — גע=וויינליכע אַרבעטער אונטערנעמונגען אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות.

עס שטעלט זיך נאָר די פראַגע, וועלכע פון דיביידע פאָרמען אַנטשפּרעכט בעסער די אינטערעסן פון דעם אַר=בעטער=קלאַס, וועלכע איז בעסער צוגעפּאַסט צום איצ=טיגן אויסערגעוויינליכן מאָמענט, און וועלכע פון זיי קאָן בעסער זיך ווייטער אַנטוויקלען.

די געשטעלטע פראַגע האָט אַרויסגערופן אין די אַרבעטער=קרייזן אַ סך וויכּוחים, סיי אין דער פרעסע, סיי אויף פאַרזאַמלונגען. מער פון אַלץ הערט מען מיינונגען על=פּי טראַדיציע, געגן פראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון. ס׳איז דעריבער נייטיג פאַנאַנדערקלייבן זיך אין די אַלע מאָטיוון, וועלכע ווערן אַרויסגעזאָגט געגן קאָאָפּעראַטיוון און זעהען, אויף וויפיל די ווערקשטובן זיינען געזיכערט פון אַזעלכע חסרונות. עס לוינט ניט, פאַרשטייט זיך, אַ סך אָפּצושטעלן אויף די ניט ממשותדיגע פראַזן, וועלכע ווערן אָפּטמאָל איבערגעחזרט, לויט דעם איינגעפאָרענעם נוסח, ווי למשל, אַז די קאָאָפּעראַטיווע פאָרמען פון פראָדוצירן זיינען פון דער געשיכטע פאַרמשפּט צום טויט און דגל. אמת, די ער=

פאַרונגען און פּרובן, וועלכע ס'זיינען געמאַכט געוואָרן אויף דעם געביט, דאַרף מען געוויס נעמען אין באַטראַכט, מען טאָר אָבער אַווטאָמאַטיש אַזוי לייכט ניט פאַרגלייכן פאַרשידענע היסטאָרישע מאָמענטן ביי גאַנץ פאַרשידענע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן. ווען אפילו אַז אַ ענליכע פאָרם האָט ניט געקאָנט אויסהאַלטן ביי איינע באַדינגונגען, איז דאָס נאָך גאָר קיין ראיה ניט, אַז אַ מער אויסגעבעסערטע פאָרם זאָל אויך ניט האָבן קיין קיום ביי גאַנץ נייע אומשטענדן. די וועלט-מלחמה און די רעוואָלוציע האָבן אַזויפיל ענדערונגען אַריינגעטראָגן אין לעבן, אַז אַ סך ערשיינונגען, וועלכע ס'איז שווער געווען פריהער זיך פאָרצושטעלן, זיינען געוואָרן איצט פאַקטן, וועלכע מען קאָן בשום-אופן ניט אָפּלייקענען. ס'קאָן דעריבער קיין רייד ניט זיין וועגן וועלכע ניט איז פאַרפאַנצערטע איין מאָל פאַר אַלעמאָל טויט-אורטיילן, מען דאַרף זיך נאָר טיפער פאַרטראַכטן אויף די ניי-באַשאַפענע באַדינגונגען און זעהן, אויב זיי זיינען צוגעפּאַסט פאַר שאַפן פּראָדוציר-קאָאָפּעראַ-טיוון אָדער ניט.

.III

מיר גייען אַלזאָ איבער צו די מער וויכטיגערע מאָטיוון, וועלכע רירן אָן דעם עצם פון דער פראַגע.

מען דאַרף קודם-כל באַמערקן דעם הויפּט-פעלער, וואָס איז דער כאַראַקטעריסטישער שטריך ביי די אַלע מאָטיוון, וועלכע מיר ווען איצט באַטראַכטן. מען שטעלט זיך אָפּ כמעט אויסשליסליך אויף די קלאַסן-אינ-טערעסן בכלל, אין אַלגעמיינע פאָרמען, וועלכע קלינגען אָפטמאָל זעער שוין פון זייער אויסערליכער זייט און האָבן דעריבער געוויסע ערפאָלגן ביי די מאַסן, אָבער אין תוך אַריין, שפּיגלען זי ווייט ניט אָפּ די אמתע רעאַלע אינטע-

רעסן פון די אַרבעטער, ווייל ס'ווערט לחלוטין איגנאָרירט די פּראַקטישע ווירטשאַפטליכע זייט פון דער פראַגע, מען זעהט ניט צונויפבינדן האַרמאָניש די קלאַסן-אינטערעסן מיט די ווירטשאַפטליכע מאָמענטן, קורץ געזאָגט, מען איז מער אַזוי צו זאָגן פּאָליטיקער, ווי עקאָנאָמיקער.

מען זאָגט, למשל, אַז די קאָאָפּעראַטיוון קאָנען ניט קאָנקורירן מיט פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונגען און דערפאַר מוזן זיי אונטערגיין. די פראַגע וועגן קאָנקו-רענץ-פייאיגקייט איז, פאַרשטייט זיך, איינע פון די ערנסטע, מען טאָר איר בשום-אופן ניט אונטערשעצן, אָבער ממה נפשך, גייט מען אַרויס פון דעם שטאַנד-פּונקט, אַז די פּריוואַטע אונטערנעמונגען זיינען ביי אַלע צייטן און אין אַלע פּראָ-דוציר-צווייגן גענוג שטאַרק און פייאיג זיך ווייטער צו אַנט-וויקלען, דאַמאָלסט וועלן דאָך די ווערקשטובן ביי די קאָנ-סום-אָדער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אויך ניט העלפן, אַדרבא, זיי זענען נאָך וועניגער בכח צו קאָנקורירן, איידער די אַזוי-גערופענע „קליינבירגערליכע” קאָאָפּעראַטיוון.

יעדער פּראַקטישער מענש פאַרשטייט דאָך גאַנץ גוט, אַז ווען די קאָנקורענץ-פייאיגקייט פון די פּריוואטע אונטער-נעמער שטיצט זיך אויף זייער שמוגל, עקספּלאָאַטאַציע און גרויס אומזאַץ-קאַפּיטאַל, דאַן וועלן דאָך די דערמאָנטע ווערקשטובן געוויס ניט קאָנען אויסהאַלטן, ווייל באַשעפטיגן זיך מיט שמוגל און עקספּלאָאַטאַציע טאָרן ניט די קאָנסום אָדער פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און קאָנען ניט, און קיין גרויסע קאַפּיטאַלן ווי די פּריוואַטע אונטערנעמער האָבן זיי ניט.

אין דער אמת'ן שטייט די זאַך גאָר אַנדערש. די לאַגע פון די פּריוואַטע אונטערנעמונגען איז איצט ניט די זעלבע ווי פריער, און דערמיט זיינען דאָך אַלע מסכים, אַז די וועלט מלחמה און די רעוואָלוציע האָבן שטאַרק אונ-

טערגעבראָכן די פּריוואַטע איניציאַטיוו. באַזונדער שאַרף באַמערקט מען דאָס אין די מזרח לענדער בכלל, אין ליטאַ, ווייס-רוסלאַנד און פּוילן בפרט. ס'זיינען דאָ זייער פיל קאַפּיטאַליסטן מיט אָנגעשלאָגענע פון געלט קעשענעס, וועלכע בשום אופן פאַרנעמען זיך ניט מיט פאַבריצירן, מען וואַרט אויף בעסערע צייטן און דערווייל ספּעקולירט מען מיט געלט, מען שמוגלט, מען טוט וואָס עס מאַכט זיך, אַבי ניט פּראָדוצירן. די סיבות פון אַזאַ אוננאָרמאַלע ערשיינונג זיינען גאַנץ פאַרשטענדליך, די פּריוואַטע קאַפּיטאַליסטן האָבן איצט ניט די נויטיגע זיכערקייט פאַר זייערע אונטערנעמונגען בנוגע צו דער אויסערליכער לאַגע, זיי ווילן ניט האָבן צו טאָן מיט די אַרבעטער, וועלכע פאָדערן אָפּט צוליב דעם וואַקסנדן יקרות אַלץ נייע און נייע הוספות, זיי שרעקן זיך גלאַט פאַר עקסצעסן אדער אַנדערע סיורפּריזן מצד די מאַסן. הכלל, ס'זיינען דאָ אַ סך טעמים, וועלכע זיינען אַ פועל יוצא פון דער איבערגאַנגס עפּאָכע, וועלכע מיר לעבן איבער טאַקע איצט, און וואָס ס'איז פריער ניט געווען.

ס'איז דעריבער גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס די פּריוואַטע איניציאַטיוו איז אַזוי איצט אָבגעשוואַכט געוואָרן, און די מורא פאַר דער קאָנקורענץ איז איצט ניט אַזוי גרויס. וואָלט מען זיך אָבער פאַרלאָזן אויף די פּריוואַטע אונטערנעמער און וואַרטן, ביז זיי וואָלטן אָנגעהייבן צו לוינען, וואָלט דאָס געווען די גרעסטע סכנה ניט נאָר פאַר די אַרבעטער, נאָר פאַר דער גאַנצער באַפעלקערונג בכלל. מען קאָן דאָך ניט אַוועקמאַכן אונטער דער האַנט די שרעקליכע אַרבעטסלאָזיגקייט, וועלכע עס הערשט איצט אומעטום און וועלכע עס וואַקסט פון טאָג צו טאָג פון איין זייט, און דעם גרויסן מאַנגל אין די נויטיגע פּראָדוקטן און סחורות פון דער אַנדער צייט. דער אַרבעטער קלאַס, וועל-

כער איז באַרופן שטענדיג זאָרגן פאַר שאַפן און פּראָדו־ צירן, פאַר געבן די מעגליכקייט די אַרבעטער שטענדיג אויסנוצן זייער אַרבעטס־קראַפט און פייאיגקייט, כדי צו באַפרידיגן זייערע נויטוועגדיגסטע לעבנס־באַדערפנישן — קאָן דאָך ניט בלייבן גלייכגילטיג צו אַזאַ באַשאַפענע ווי איצט עקאָנאָמישע לאַגע...

דער אַרבעטער קלאַס מוז דעריבער זיין אין דער ריכטונג שטאַרק אָנגעשטריינגט, ער מוז טראַכטן וועגן דעם און זוכן מיטלען און פאָרמען.

די פראַגע איז צו ערנסט, מען קאָן, פאַרשטייט זיך, האָבן פאַרשיידענע מיינונגען וועגן דער אָדער יענער שטרעבונג, וועגן דער אָדער יענער פאָרם פאַר די נויטיגע פּראָדוצירנדע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע אָבער עס דאַרף און מוז האָבן איצט דער אַרבעטער־קלאַס. און נעמענדיג אין באַטראַכט די אַלע פריער באַרירטע ספּעציפישע באַדינגונ־ גען און פאַרהעלטנישן פון איצטיגער איבערגאַנגס־צייט, מוז מען דאָך קומען צו דער איבערצייגונג, אַז די פּאַסנ־ דערע פאָרם איז פאָרט די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און ניט די ווערקשטובן באַ די קאָנסום אָדער פּראָפעסיאָנעלע פאַר־ איינען.

.IV

דער אַרבעטער־קלאַס איז אין איצטיגן אויסעראָר־ דענטליכן איבערגאַנגס־מאָמענט בלוטיג פאַראינטערעסירט אין עקזיסטענץ פון אַרבעטער פּראָדוציר־אונטערנעמונגען.

דער אַרבעטער דאַרף און מוז איצט די אויפגאַבע פון שאַפן אַזעלכע אונטערנעמונגען אַליין זעהן צו פאַרווירקליכן אין לעבן, אָבער די דאָזיגע אויפגאַבע איז גאָרניט קיין גרינגע, ווייל דערזעלבער איבערגאַנגס מאָמענט שאַפט אַ סך שוועריגקייטן און שטערנישן. אמת, די מורא פאַר

פריוואַטער קאָנקורענץ איז טאַקע איצט ניט אַזוי גרויס ווי פריהער, אָבער אינגאַנצן איגנאָרירן איר וואָלט אויך געווען ניט ריכטיג.

ווען פריהער איז געווען די קאָנקורענץ שטאַרק מצד די גרויסע אונטערנעמער און איצט איז זי פּאַקטיש אָפּגעשוואַכט געוואָרן, איז אָבער דערפאַר פאַראַן נאָך אין אַ געוויסער מאָס די קאָנקורענץ מיט די קליינע אונטערנעמער—בעלי־בתּים׳לאַך, וועלכע באַנוגענען זיך אָפט מיט קלענערע רוחים, דערלאָזנדיג ביי זיך אין ווערקשטוב אַ אַרבעטסטאָג מער פון 8 שעה און דגל.

ווייטער, מוז איצט מער אויפמערקזאַמקייט אָפּגעגעבן ווערן דעם איינקויף פון רוי־שטאָף, ווערקצייג וכדומה. איצט קומט אָן אַלץ אויך שווערער ווי פריער, מען דאַרף קאָנען אויסזוכן די נייטיגע מאַטעריאַלן און מכשירים און נאָך מער דאַרף מען זיין זעער עקאָנאָמיש אין באַנוצן די מכשירים, און ביי דעם אויסאַרבעטן די סחורות. ווער עס שטעהט נאָהנט צו דער פּראַקטישער אַרבעט אין די ווערקשטובן, ווייס וואָס פאַר אַ קאָלאָסאַלע באַדייטונג עס האָט גראָד איצט יעדער אָפּעראַטיוו מאָמענט.

מען קאָן זאָגן אפילו, אַז דאָס האָט אַלעמאָל געשפּילט אַ גרויסע ראָלע, גאַנץ ריכטיג, אָבער אין פריהערדיגע צייטן, ווען רוי־שטאָף און מאַשינעס פלעגט מען גרינג קאָנען קריגן צו יעדער צייט, ווען דער מאַטעריאַל פלעגט ניט קאָסטן אַזוי טייער אין פאַרגלייך מיט דער אַרבעט, ווען די אונטערנעמער פלעגן האָבן גרויסע רוחים — דאַן איז די פראַגע ניט געווען אַזוי שאַרף, די אונטערנעמער פלעגן פאָראויס זיך רעכענען מיט דעם געוויינליכן אַזוי צו זאָגן „אָפּעראַטיוו אָנווער״, און פלעגן אים לייכט דעקן.

איצט, ווי געזאָגט, האָבן זיך די פאַרהעלטנישן שטאַרק געביטן. ביי אַ שוואַכע, ניט קיין בעלי־בתּישע פירונג פון

דער אונטערנעמונג, ווערט דער „אָפּעראַטיוו אָנוועד“ צו בולט און גרויס און מאַכט אָפּט די גאַנצע אונטערנעמונג אונמעגליך.

איז מען געווענט עקאָנאָם ביים פאַרטיילן די מאַטעריאַלן צום אויסאַרבעטן, באַווייזט מען ניט צו דערגרייכן די נייטיגע פּראָדוקטיוויטעט, ווערן ניט אויסגעזוכט אַלע וועגן ווי ביליגער צו באַזאָרגן אַלץ, — אַזוי וואַקסן שטאַרק אויס די הוצאות פון די אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטן, און דער הפסד ווערט דאַן אומפאַרמיידליך.

מיט איין וואָרט, איצט קאָן מען פירן פּראָדוקטיוו אַ אונטערנעמונג נאָר, ווען די פּראָדוצירער באַווייזן אַרויס דעם נייטיגןווירטשאַפטליכן חוש, יע, מען דאַרף זיין בעלי־בתים אין דעם ווירטשאַפטליכן זין פון דעם וואָרט, מען דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט דעם געדאַנק, ווי בעסער פירן די אונטערנעמונג.

ס'איז קלאָר, אַז דאָס קאָן בשום־אופן ניט דערגרייכט ווערן אין ווערקשטובן, וואו די פּראָדוצירער זיינען מער ניט ווי לוין־אַרבעטער. די פּסיכיק פון אַ לוין־אַרבעטער איז אַ גאַנץ אַנדערע, זי איז ווייניגער פון אַלץ צוגעפּאַסט צו דער ווירטשאַפטליכער זייט פון דער זאַך. מען דאַרף ניט פאַרמאַכן די אויגן אויף דער ווירקליכקייט און ניט שאַפן קיין אילוזיעס, ס'איז זעער נאַאיוו, ווען איינוגע מיינען, אַז די לאַגע וועט זיך בייטן, ווען די אונטערנעמער וועלן זיין קאָנסום אָדער אפילו פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, ד. ה. ווען, לויט נאָך זייער מיינונג, וועלן די אונטערנעמונגען „געהערן צום גאַנצן אַרבעטער־קלאַס“. אַזאַ מין אויסדרוק קלינגט אפילו הויך און האָט אַ צוציהונגס־קראַפט אויף אַ מיטינג. אין תוך אַריין אָבער, אין דער ווירקליכקייט קומט אָבער פאָר גאַנץ אַנדערש.

אין דער אמתן, מען קאָן זיך דאָך ניט פאָרשטעלן, אַז דער אַרבעטער זאָל ווערן אידעאַליסטיש, ווען ער קומט אַריין אין ווערקשטוב, וועלכער געהערט אפילו דעם גאַנצן אַרבעטער־קלאַס. ווי אומעטום וועט דער לוין־אַרבעטער ניט אַזויפיל טראַכטן דאָרטן וועגן פּראָדוקטיוויטעט און ווירט־שאַפט, אויף דערויף איז דאָך דאָ אַ פאַרוואַלטונג, אַ אַדמי־ניסטראַציע און א. וו... ווי אומעטום, וועט ער טראַכטן, און דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, ווי צו העכערן די שכירות צוליב דעם וואַקסנדן יקרות. די ווירטשאַפטליכע מאָמענטן, צי עס לאָזט זיך העכערן אָדער ניט, דאָס וועט ווייניג וואָס אָפּהאַלטן די אַרבעטער פון אַרויסשטעלן פאָדערונגען. די אַרבעטער וועלן זאָגן, זאָל די פאַרוואַלטונג, דער פאַראיין זוכן מיטלען, אָבער מיר מוזן פאַר אונזער אַרבעט האָבן, לויט אונזערע באַדערפנישן.

ס'איז אויך, פאַרשטייט זיך, נאַאיוו צו מיינען, אַז די אַרבעטער־אונטערנעמונגען וועלן אויסמיידן. שטרייקן אָדער אַנדערע סכסוכים, מען דאַרף ניט שלעכט פאַרטייטשן די דערמאָנטע ווערטער און זיין גאַנץ אָביעקטיוו אין דער פראַגע. ס'איז גאַנץ פאַרשטענדליך אַז דעם אַרבעטער איז, נאַטירליך, זעער שווער דורכצולעבן זיך, וויפיל ער זאָל ניט באַקומען שכירות, ער מוז שטרעבן צום פאַרהעכערן די שכירות, דאָס לעבן האָט זיך איר אייזערנע לאָגיק. מען דאַרף דאָך אָבער זיין פּראַקטיש און זאָגן, אַז ס'קאָן זיך אָפּטמאָל טרעפן, ווען די פאָדערונגען פון די אַרבעטער פאַלן ניט צוזאַמען מיט דער פּאַקטישער מעגליכקייט, פון דער ווירטשאַפטליכער זייט.

אין אַזעלכע פאַלן קאָנען זיך שאַפן זעער שווערע, אָפּטמאָל געפערליכע מאָמענטן פאַר די אינטערעסן פון די אַרבעטער.

ממה נפשך, ווען די אַרבעטער זיין אידעאַליסטיש און אַיינגעהן אויף קלענערע שכירות, ווען מען וועט זיי דערווייזן, אַז די הכנסות פון דער אונטערנעמונג ערלויבן פשוט ניט פאַרגרעסערן די הוצאות, ווען דאַמאָלסט גע=שטעלט ווערן די אַרבעטער, וואָס זיינען באַשעפטיגט אין פריוואַטע אונטערנעמונגען אין זעער אַ אונגינסטיגער לאַגע. די פריוואַטע אונטערנעמער ווען געוויס אָנווייזן אויף די אַרבעטער=אונטערנעמונגען, וואו די שכירות זיינען קלענער און דגל.

בכלל דאַרף מען זאָגן אָפן, אַז ווען די פראָפעסיאָ=נעלע פאַראיינען, אָדער אפילו די אַרבעטער קאָנסום=פאַר=איינען ווען ווערן אונטערנעמער, וועט דאַן זעער שווער ווערן די אַלגעמיינע אָנפירנדע אַרבעט פון די פראָפע=סיאָנעלע פאראיינען בנוגע צו דעם אַלטעגליכן קאַמף מיט די פריוואַטע אונטערנעמער פאַר די פראָפעסיאָנעלע אינטע=רעסן פון די אַרבעטער.

אין פאַל, ווען די אַרבעטער פון די פראדוציר ווערק=שטובן ווען דאַן בלייבן פעסט ביי זייערע פאדערונגען, קאָנען דאַן פארקומען פאלגנדע ערשיינונגען:

אָדער די אונטערנעמונג וועט מוזן אָנקומען צו שטיצע מצד די הילפס=געזעלשאַפטן כדי צו דעקן דעם הפסד, און דאָס וועט אַריינטראָגן אַ צדקה=כאַראַקטער, וועלכער איז זעער שעדליך פאַר א אַרבעטער=אונטערנעמונג.

אָדער די אונטערנעמונג וועט בכלל ניט אויסהאלטן און מוזן פלאַצן, און דערפון, פאַרשטייט זיך, וועט נאָך מערער ליידן דער אַרבעטער.

די אַלע אויסגערעכנטע שוועריגקייטן ווערן אָבער אין גאַנצן כמעט באַזייטיגט אין פראָדוציר=קאָאָפעראַטיוון, וואו ס'איז בכלל ניטאָ קיין אונטערנעמער און קיין לוין=

ארבעטער. די פּראָדוצירער אַליין זיינען די בעלי־בתּים און פּאַרקערט, די פּראָדוצירער מוזן זאָרגן פֿאַר דער פּראָדוקטיוויטעט און ווירטשאַפט, ווייל זיי געניסן נאר דאס, וואָס זיי אַרבעטן אויס. זיי קאָנען פֿון קיינעם גאָר נישט פֿאָדערן, און נאָר פֿון זיך אַליין, די פּאַראינטערי־סירטקייט פֿון דער זאַך שפּילט יעצט באַזונדערס א גרויסע ראָלע אין דער ווירטשאַפטליכער אָנפירונג פֿון אַ קאָלעקטיווע אונטערנעמונג. נאָר די פּאַראינטערי־סירטקייט קאָן פֿאַרזיכערן דעם עקזיסטענץ פֿון א זעלכע אונטערנעמונגען, און קאָן שאַפֿן די מעגליכקייט פֿאַר יעדער איינצלנעם אַרבעטער וואָס מערער צו געניסן פֿון זיין פּראַצע.

אין פֿאַל ווען עס קומט אויס דאָך צו קאָנקורירן מיט פּריוואַטע אונטערנעמער, זיינען די פּראָדוציר־קאָאָפּע־ראַטיוון מעהר פּייאיגער דאָס צו פֿאַרווירקליכן, די פּראָדוצירער אַליין קאָנען זיך אַלע מאָל גרינג צונויף־ריידן צווישן זיך, אַרבעטן אַ מאָל פֿאַר העכערערע, אַ מאָל פֿאַר נידעריגערע מקחים, צופּאַסנדיג זיך צו דעם אָדער יענעם מאָמענט.

אויף אזאַ אופן, זעהן מיר, אַז גראָד די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון זיינען יעצט מער פּאַסנדע פֿאַר די ניי בעשאַפֿענע עקאָנאָמישע פֿאַרהעלטנישן.

V.

איינער פֿון די זעער גאַנגבאַרע מאָטיוון, וועלכע די געגנער שטעלן מערטיילס אַרויס בנוגע צו די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, איז די אַזוי גערופֿענע „קליין־בירגערליכקייט“. מען זאָגט אַז די קאָאָפּעראַטיוון ווערן אויסגענוצט נאָר פֿון אַ געשלאָסענעם קרייז „גליקליכע אַרבעטער“, וועלכע אָרד־נען זיך דאָרט איין אָפּטמאָל גאַנץ גוט, און לאָזן ניט צו אַהין קיין נייע אַרבעטער.

ווייטער, זאָגט מען, אַנטוויקלען זיך ביי די „גליק־ליכע קאָאָפּעראַנטן“ אונטערנעמערישע געפילן, זיי ווערן בעלי־בתים, אָדער פּשוט געזעט — „קליין־בירגער“, וועלכע ווערן אַזוי אַרום אָפּגעריסן פון קלאַסן־קאַמף און א. וו.

ווי געזאָגט, האָט דער דערמאָנטער מאָטיוו אַ גאַנץ גרויסן ערפאָלג אין די אַרבעטער קרייזן, ווייל ער געהערט צו יענע שרייענדע שלאָג־ווערטער, וועלכע בעלי־בת׳עווען, לײדער, די לעצטע צייט שוין צופיל אויף דער אַרבעטער גאַס. ס׳איז גענוג, פאַרשטייט זיך, צוקלעפּן דעם עטיקעטל „קליין־בירגערליכקייט“ און דער גאַנצער ענין ווערט לחלוטין פסול.

מען דאַרף זיך אָבער אָביעקטיוו פאַנאַנדערקלייבן אין די איינצלהייטן פון דער זאַך, און באַטראַכטן, אויב די „קליינבירגערליכקייט“ איז בכלל אַ מוז פאַר די קאָ־אָפּעראַטיוון, צו קאָנען ניט באַשאַפן ווערן אַזעלכע יסודות פון קאָאָפּעראַטיוון, ביי וועלכע ס׳ווערן אויסגעמיידן די סכנות פון קליינבירגערליכקייט.

צוערשט אָבער וועגן די געשלאָסענע טירן פון די קאָאָפּעראַטיוון. מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל פעסט שטעלן, אַז פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון זיינען, נאַטירליך, ריין עקאָנאָמישע און ניט קיין פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס. ס׳וואָלט דעריבער געווען פון דער ווירטשאַפטליכער זייט דער גרעסטער פעלער, ווען מען וואָלט פאַרוואַנדלט די קאָ־אָפּעראַטיוון אין אַ דורכגאַנגס קאָרידאָר, וואהין עס גייען כסדר אַריין און ארויס פאַרשיידענע אַרבעטער. גוט אַוועק־געשטעלטע פּראָדוציר־ווערקשטובן אפילו וועלן אויך ניט דערלאָזן ביי זיך אַזאַ אומנאָרמאַלע ערשיינונג, וועלכע איז אָן ספק זייער שעדליך פאַר דער פּראָדוקטיוויטעט פון דער אונטערנעמונג. א צייטוויייליגער אַרבעטער איז נאָך ווײ־

ניגער פאַסנד פאַר דער נאָרמאַלער אַנטוויקלונג פון פּראָ-דוציר-אַנשטאַלט, איידער אַ לוין-אַרבעטער, די פּאַראינטע-רעסירטקייט פון די פּראָדוצירער דאַרף אויך אין דער הינ-זיכט שפּילן אַ באַדייטנדע ראָלע, די פּראָדוצירער דאַרפן זיין צוגעבונדן צו דער אונטערנע-מונג, אין וועלכער זיי נעמען אַנטייל.

די פראַגע וועגן נייע אַרבעטער קאָן זיך נאָר פאַר-שאַרפן ביי אַ אַרבעטסלאָזיגקייט, ווען ס׳פּילט זיך אַ נויט-ווענדיגקייט אין וועלכער ניט איז מאָס צו באַפרידיגן די אַרבעטסלאָזע.

אין דעם פאַל, אָבער, איז די לאַגע גאָר ניט בעסער אין פּראָדוציר-ווערקשטובן, ווען אפילו די אונטערנעמער וועלן זיין דאָרטן די פּראָפעסיאָנעלע אָדער קאָנסום-פּאַראיי-נען. ביי אַ אַרבעטסלאָזיגקייט, וועלן די אַריינגעטראָטענע אַרבעטער אויך דאָרטן ניט וועלן, נאַטירליך, אַליין באַפרייען זייערע ערטער, און די גאַנצע פראַגע מוז דאַן רעגולירט ווערן גאָר אויף אַ אַנדער אופן. ניט די פּראָדוצירער אַליין, וועלכע זיינען אַ צד אין דעם פאַל, קאָנען ערלעזן די דאָזיגע פּראַגע, נאָר אַ אונאָפּהיינגיגע אַרבעטער אָרגאַניזאַציע, וועלכע איז געננג אַווטאָריטעט פאַר די אַרבעטער. דאָס קאָן און דאַרף טאָן די צענטראַל-ביוראָ פון די פּראָפעסי-אָנעלע פאַראיינען, וועלכע איז בכלל באַרופן צו רעגולירן די פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון די אַרבעטער. ווי געזאָגט, אָבער, קאָן זי די באַטרעפנדע אויפגאַבע בעסער צו פאַר-ווירקליכען, ווען זי איז גאַנץ אונאָפּהיינגיג פון דער פּראָ-דוציר-אונטערנעמונג, ד. ה. ווען זי איז טאַקע ניט אַליין דער אונטערנעמער פון די פּראָדוציר-ווערקשטובן, נאָר ווען זי האָט נאָר די נויטיגע השפּעה אויף די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַ-טיוון, ביי וועלכע די ווירטשאַפטליכע מאָמענטן דאַרפן להלוטין ניט ווידערשפּרעכן די קלאַסן אינטערעסן, און ביי

וועלכע ס׳דאַרף אויף אַזאַ אופן אויסגעמידן ווערן די מורא פאַר דער „קליין=בירגערליכקייט“.

רעט מען וועגן אַרבעטער פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון, קאָן מען ניט אַרויסשטעלן געגן זיי אַלס באַווייז די אַלע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע זיינען אינגאַנצן אָבגעריסן אָדער אין בעסטן פאַל זייער שוואַך—פאַרבונדן מיט די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז ביי אַזאַ פאַרהעלטניש איז זייער גרינג צו פאַרוואַנדלען קאָאָפּעראַ=טיוון אין קליין=בירגערליכע אינסטיטוציעס, ווען עס הערשט דאָרטן נאָר דער אינטערעס צום רוח. מען קאָן אָבער בשום אופן ניט פאַרמשפּט׳ן די קאָאָפּעראַציע בכלל, צוליב די דאָזיגע קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע האָבען דאָ אָדער דאָרטן געטראָגן אַ קליין = בירגערליכן כאַראַקטער. דאָס וואָלט געהייסן דיזעלבע זאַך ווי פאַרמשפּט׳ן דעם סאָציאַליזם, צו=ליב די קריסטליכע סאָציאַליסטן, למשל, וועלכע פאַר=קערפּערן דעם סאָציאַליזם אין אַזעלכע העסליכע פאָרמען.

דער כאַראַקטער פון די פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון ווענט זיך אינגאַנצן אָן דעם, ווער עס זיינען די טרעגער פון זיי, און אויף וועלכע יסודות זיי זיינען אַוועק=געשטעלט.

האַנדעלט זיך וועגן אַרבעטער=קאָאָפּעראַ=טיוון, קאָן שוין קיין מורא ניט זיין פאַר דער קליין=בירגער=ליכקייט, וועלכע ס׳טראָגן אַריין מיט זיך די בעלי=בתים. די אַרבעטער האָבן ניט גלייכצייטיג אין דער היים קיינע ווערק=שטובן, זיי ברייענגען ניט מיט זיך פון דער היים קיין איי=גענע מאַשינעס אָדער געצייג, ווייל די אַלע מאָמענטן שאַפן טאַקע ווירקליך אַ באָדן פאַר קליין=בירגערליכע געפילן פון בעלי=בתים. אַרבעטער, אָבער, וועלכע ברייענגען מיט זיך אין קאָאָפּעראַטיוו נאָר זייער פיזישע קראַפט און וועלכע זיינען שטענדיג ענג פאַרבונדן מיט די פּראָפעסיאָנעלע

פאַראיינען, קאָנען ניט און וועלן ניט פירן די אַרבעט פון די קאָאָפּעראַטיוון אין ווידערשפּרוך מיט זייערע קלאַסן־אינ־טערעסן. די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין דער אָדער יענער פאָרם האָבן די גאַנצע ווירקונג אויף די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון און וועלן דערצו בפירוש ניט דערלאָזן.

די מאַשינעס און ווערקצייג דאַרפן גאָר ניט געהערן דעם באַטרעפנדן קאָאָפּעראַטיוו, זיי דאַרפן גאָר ניט זיין קיין אייגנטום פון אַ איינצלנעם קאָאָפּעראַטיוו. אַלע פּראָ־דוציר־קאָאָפּעראַטיוון דאַרפן זיין אָרגאַניזירט אין איין פאַר־באַנד, און די אַלע מאַשינעס און ווערקצייג געהערן דער גאַנצער אַרבעטער־קערפּערשאַפט — דעם פאַרבאַנד פון די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, וועלכער נעמט אַרום אַ באַדייטנ־דע טייל פון די אַרבעטער. די אָנפירונג פון אַלע קאָאָפּע־ראַטיוון געפינט זיך אין די הענט פון אַ צענטראַלע פאַר־וואַלטונג, אין וועלכער ס׳גייען אַריין פאָרשטייער פון יעדער קאָאָפּעראַטיוו, פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און פון אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וועלכן קאָנען דינען די אינטערעסן פון די אַרבעטער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון. אַזאַ מין צענט־ראַל־פאַרוואַלטונג קאָן אַמבעסטן איינשטעלן און רעגולירן די אַרבעט אין די קאָאָפּעראָטיוון און בשום אופן ניט דער־לאָזן זיי אַראָפּגיין פון קלאַסן שטאַנד־פּונקט.

אין פאַל פון סכסוכים אָדער אָפּנייגונגען פון קלאַסן־פּאָליטיק, קאָן די צענטראַל־ביוראָ פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען דינען אַלס אַ העכסטע אַווטאָריטעטע אינסטאַנץ פאַר די אַרבעטער, וועלכע עס באַשעפטיגן זיך אין די קאָ־אָפּעראַטיוון.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז די מיטגלידער פון די קאָאָפּע־ראַטיוון דאַרפן זיין נאָר רעקאָמענדירטע פון די פּראָפעסי־אָנעלע פאַראיינען, וועלכע זיינען פּאַסנד פאַר אַזאַ קאָלעק־טיווער אַרבעט.

ביי אַזעלכע יסודות קאָן שוין קיין רייד ניט זיין וועגן דער אַנטוויקלונג פון קליין=בירגערליכע בעלי=בתּי'שע גע=פילן, ווייל ס'איז פשוט ניטאָ די מעגליכקייט פאַר איינצלנע אַרבעטער, אָדער אפילו פאַר איינצלנע קאָאָפּעראַטיוון, איבער וואָס אַליין צו בעלי=בת'עווען. מען איז דאָ בעלי=בתּים נאָר אין ווירטשאַפטליכן זין אויפ'ן קאָלעקטיוון שטייגער, אָבער ניט אין אינדיווידועלן זין פון קליין=בירגערליכן שטאַנד=פּונקט.

די פּראַקטיק פון די ווילנער פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון האָט באַשטעטיגט די ריכטיגקייט פון אַזאַ שטעלונג.

ס'איז קלאָר, דוכט מיר, אַז אַלע אָנווייזונגען פון די געגנער, בנוגע צו דעם, וואָס די פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון קאָנען זיך פאַרוואַנדלען צוליב זייערע פּריווילעגירטע מיט=גלידער און ד. גל. אין אַ קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמונג, און ברייגען דערצו, אַז די פּראָדוצירער זאָלן אַריבער אין די רייען פון בירגערטום, האָבן לחלוטין קיין שום שייכות ניט מיט די אַרבעטער פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון, וועלכע ווערן געשאַפן דורך די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען.

אַרויסשטעלנדיג אַזעלכע מאָטיוון, הייסט אין גאַנצן ניט אָפּשאַצן די באַדייטונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַר=איינען, אין גאַנצן ניט אנערקענען די אָרגאַניזיר=פייאיגקייט פון אַרבעטער=קלאַס. אַרויסזאָגן אַזעלכע געדאַנקען וועגן דער כלומרשט אוגפאַרמיידליכער קליין=בירגער=ליכקייט, הייסט פאַרטעמפּן די מוחות, ווי געזאָגט פריהער, מיט רייצנדע, שרייענדע שלאַג=ווערטער, הייסט ניט ווילנדיג אונטער צוגראָבן די איניציאַטיוו פון די אַרבעטער גופא אויפ'ן געביט פון דער עקאָנאָמישער אַרבעט.

VI.

די געגנער פון פראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון האָבּן אויף אַלע פאַלן פאַרטיגע תירוצים. האַלט, למשל, אַ קאָאָפּעראַטיוו ניט אויס און ווערט צופאַלן, איז דאָך דאָס געוויס אַ באַווייז, אַז דער פּרינציפּ טויג ניט, הגם אין פיל פאַלן קאָן דער באַטרעפנדער קאָאָפּעראַטיוו ניט עקזיסטירן צוליב אַ רייהע גאַנץ אַנדערע סיבות, וועלכע האָבּן קיין שום שייכות ניט צום פּרינציפּ.

ענטוויקלט זיך דאָך אַזאַ מין קאָאָפּעראַטיוו, זאָגן זיי דאַמאָלסט, אַז דאָס האָט בכלל קיין שום באַדייטונג ניט פאַר דעם אַרבּעטער=קלאַס.

וועגן דעם ערשטן פאַל האָבּן מיר שוין פריער גענוג גערעט. יעצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן ספּעציעל אויף דעם צווייטן פאַל.

אין וואָס אייגנטליך דאַרף זיך אויסדריקן די באַדיי=טונג פון אַרבּעטער פראָדוציר=אונטערנעמונגען?

ס'פאַרשטייט זיך, אַז ניט אין רוחים, ווייל ניט פראָ=דוציר=קאָאָפּעראַטיוון און ניט פראָדוציר=ווערקשטובּן קאָנען זיך שטעלן פאַר אַ ציל יאָגן זיך, ווי פּריוואַטע אונטער=נעמער, נאָך גרויסע רוחים. אדרבא, אי די, אי יענע דאַרפן שטרעבּן צו מאַכן ביליגער די אויסגעאַרבּעטע סחורות און אויף אַזאַ אופן קעמפן מיט די הויכע מאַרק=מקחים, וועלכע עס שאַפן קינסטליך די ספּעקוליאַנטן.

מען זאָגט אָבּער, ווייטער, אַז די פראָדוציר=קאָאָפּע=ראַטיוון האָבּן ניט קיין באַדייטונג דערפאַר, ווייל זיי באַ=זאָרגן נאָר אַ קליינע צאָל אַרבּעטער און קאָנען דעריבּער ניט ענדערן די אַלגעמיינע לאַגע פון די אַרבּעטער. — דער

זעלביגער מאָטיוו, אייגנטליך, קאָן דאָך אַרויסגעשטעלט ווערן אין זיין גאַנצער שאַרפקייט אויך געגן די פּראָדוציר-ווערקשטובן, ווייל, ממה נפשך, לאָזן זיך ניט די באַטרעפנדע פאַכן אַנטוויקלען ווי געהעריג איז, צוליב די אָביעקטיווע באַדינגונגען, וועלן אויך די פּראָדוציר-ווערקשטובן ניט קאָנען אַריינגעמען אין זיך קיין סך אַרבעטער.

אַלזאָ, אין ביידע דערמאָנטע פאַלן קאָנען די ווערקשטובן בשום אופן ניט האָבן קיין גרעסערע באַדייטונג פאַר די אַלגעמיינע אַרבעטער-אינטערעסן איידער די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון.

אין תוך אַריין אָבער קאָן מען די פראַגע גאָר ניט אַוועקשטעלן אַזוי, ווייל די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון זיינען לגמרי ניט באַרופן צו פאַרענטפערן די אַרבעטער-פראַגע בכלל, דאָס איז דאָך אַ באַזונדערע סאָציאַלע פראַגע, וועלכע קאָן און וועט, פאַרשטייט זיך, געלעזן ווערן נאָר אין מלוכה מאַסשטאַב.

מען קאָן דעריבער ניט פאָדערן פון די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון, אַז זיי זאָלן אַרומכאַפּן אַלע אַרבעטער. די קאָאָפּעראַטיוון זיינען מער ניט, ווי אַ פּריוואַטע געזעלשאַפטליכע (ניט קיין מלוכה'שע) אָרגאַניזאַציע פון אַ טייל אַרבעטער, אָפטמאָל אפילו ניט קיין גרויסער טייל.

דיזעלבע פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון אָבער בילדן אַ גרויסן פאַקטאָר פאַר די עקאָנאָמישע און פּראָפעסיאָנעלע אינטערעסן פון אַלע אַרבעטער. זיי דינען אַלס אַ אויסגע-צייכנטער רעגולאַטאָר פאַר די פּראָפעסיאָנעלע פאַרהעלטנישן פון אַלע אַרבעטער, זיי שאַפן די מעגליכקייט איינצוהאַלטן אויף אַ געוויסער הויך דעם לוין-טאַריף אין דעם באַטרעפנדן פאַך, און אין אַ באַדייטנדער מאָס אויך שטרעבן צו פאַר-גרעסערן די טאָג-שכירות און גלייכצייטיג ניט דערלאָזן פאַר-

ליינגערן אין די פּריוואַטע אונטערנעמונגען דעם 8 שעה'=דיגן אַרבעטס=טאָג.

די ווילנער פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון האָבן אין זייער פּראַקטיק דייטליך באַוויזן, אויף וויפיל זיי האָבן אַ גרויסע ווירקונג אין דער דאָזיגער ריכטונג. דער פּראָדוציר=קאָאָפּע=ראַטיוו „וועשעריי", למשל, האָט בפירוש אַרויסגערופן אַ איבערקערעניש אין דעם גאַנצן פאַך. די וועשערינ'ס זיינען אין ווילנע בכלל ניט געווען פריהער אָרגאַניזירט, און קיין פּראָפעסיאָנעלער קאַמף פלעגט זיך ניט פירן אויף דעם גע=ביט. די בעלי=בתים פון די פּריוואַטע וועשערייען פלעגן עקספּלואַטירן די וועשערינ'ס אויפ'ן שאַרפסטן אופן, צווינגען זיי אַרבעטן 10 און מער שעה אין טאָג ביי זעער קליינע טאָג=שכירות. נאָר אַדאַנק דער טעטיגקייט פון וועשעריי=קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאַמף פון די אַרבעטער אין די פּריוואַטע וועשערייען פאַר בעסערע באַדינגונגען. די אַרבעטער האָבן זיך געשטיצט אויף די פאַרהעלטנישן אין קאָאָפּעראַטיוו, און די בעלי=בתים פון די פּריוואַטע ווע=שערייען האָבן געמוזט באַפרידיגן די פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

דאָס זעלבע באַמערקט זיך אויך אין אַלע הינזיכטן בנוגע צו אַלע אַנדערע פאַכן.

די פּריוואַטע אונטערנעמער זיינען געצוואונגען זיך רעכענען אין זייערע אונטערהאַנדלונגען און באַציהונגען צו די אַרבעטער מיט די איינגעפירטע אין די פּראָדוציר=קאָ=אָפּעראַטיוון טאַריפן און פאַרהעלטנישן. די פּראָדוציר=קאָ=אָפּעראַטיוון בילדן אויף אַזאַ אופן אַ געוויסן שטיץ=פּונקט פאַר די אַרבעטער אין די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, זיי האָבן אַ גרויסע ווירקונג ווי אויף די אַרבעטער אַליין, אַזוי אויך אויף די אונטערנעמער. ווערן די קאָאָפּעראַטיוון גענוג גרויס, אַזוי מוז מען זיך רעכענען מיט זיי, אַלס מיט אַ

באַדייטנדן פאַקטאָר אויף דעם עקאָנאָמישן געביט און גלייכ=צייטיג אויף דעם אַרבעטס=מאַרק.

VII.

די עקזיסטירונג פון פראָדוציר=קאָאָפעראַטיוון עפנט נאָך נייע וועגן אין קאַמף פאַר די אַלטעגליכע עקאָנאָמישע אינטערעסן פון די אַרבעטער. פאַר דער לעצטער צייט, ווי מיר ווייסן, איז באַדייטנד אָפּגעשוואַכט געוואָרן ניט נאָר דער פּריוואַטער פראָדוצירער, נאָר אויך דער פּריוואַטער פאַרברויכער און באַשטעלער. ס'ווערן באַשאַפן אַלץ מער און מער קאָלעקטיוון, וועלכע נעמען אויף זיך די אויפגאַבע איינצוקויפן אין גרעסערע מאַסשטאַבן סחורות און פראָדוקטן און פאַרטיילן זיי צווישן די איינצלנע פאַרברויכער אויף דעם אָדער יענעם אופן. עס וואַקסט אונגעהויער גרויס די צאָל פון געברויכ'ס=קאָאָפעראַטיוון און קאָנסום=פאַראיינען ניט נאָר צווישן די אַרבעטער=קרייזן, נאָר אויך צווישן פאַר=שידענע בירגערליכע שיכטן. ס'אָרגאַניזירן זיך דאָ און דאָרט פאַרשידענעווירטשאַפטס=אַנשטאַלטן דורך דער מלוכה, מאַ=גיסטראַטן, קהלות און אַנדערע פריוואַטע געזעלשאַפטן, וועל=כע עפנען לאַגערס פון סחורות און פראָדוקטן, מאַכן גרויסע באַשטעלונגען, אָרדנען איין אויף פאַרשידענע געביטן אַר=בעטן, אָדער פאַר די שטענדיגע באַדערפנישן פון די אַנ=שטאַלטן, אָדער ספּעציעל מיט דעם ציל צו לינדערן די וואַקסנדע אַרבעטסלאָזיגקייט.

אין אַלע אַזעלכע פאַלן באַקומען די אַרבעטער די פולע מעגליכקייט צו קעמפן פאַר דער פאָדערונג, אַז די באַטרעפנדע געזעלשאַפטליכע אַרבעטן און באַשטעלונגען, זאָלן איבערגעגעבן ווערן אונמיטלבאַר אין די הענט

פון די פּראָדוצירער, דורך די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, אַז זיי זאָלן ניט אַריינפאַלן אין די הענט פון אונטערנעמער און פאַרמיטלער. אַרויסשטעלנדיג דעם דאָזיגן לאָזונג, קאָנען די זעלבסט פּראָדוצירנדע אַרבעטער ערוואַרטן אַ געוויסן ערפאָלג, באַקומען אויף אַזאַ אופן וואָס מער אַרבעט פאַר די פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, און גלייכצייטיג באַקעמפן די פּריוואַטע אונטערנעמער.

די פּראַקטיק פון די ווילנער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון האָט דייטליך באַוויזן, אַז אויף דעם וועג קאָן מען פיל אויפטאָן פאַר די אַרבעטער. די ווילנער קהלה, למשל, וועלכע איז באַרימט מיט איר אויסגעשפּראָכענער שוואַרץ־בלויער פּאָליטיק, האָט געמוזט דאָך זיך רעכענען מיט דעם דער־מאָנטן פּרינציפּ, און די געזעלשאַפטליכע אַרבעטן פון די קהלה־אַנשטאַלטן ווערן אין אַ גרויסער מאָס איבערגעגעבן אונמיטלבאַר אין די הענט פון די פּראָדוצירער. דאָס זעלבע באַמערקט זיך אויך בנוגע צו די אַנדערע געזעלשאַפטליכע אַנשטאַלטן, וועלכע מוזן נאָכגעבן די גערעכטיגע פאָדערונגען פון די אַרבעטער.

כאַראַקטעריסטישער איז, וואָס די פּריוואַטע האַנט־ווערקער האָבן ביי דער ניי־באַשאַפענער לאַגע געמוזט, ווילנדיג ניט ווילנדיג פּרובן אויך אָרגאַניזירן זיך אין קאָ־אָפּעראַטיוון. ס׳פאַרשטייט זיך, אַז זיי גיט זיך דאָס ניט איין, דאָס רוב פון זייערע פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון זיינען איינ־פאַכע פיקציעס, כדי דערמיט צופּאַסן זיך צום מאָמענט.

דאָס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, ווייל געוועזענע און טיילווייז אויך יעצטיגע בעלי־בתים זיינען ניט מסוגל צו קאָאָפּעראַציע. זייער גאַנצע פּסיכיק איז דורכגעדרונגען מיט געפילן פון פּריוואַטע אייגנטום, זיי הערן ניט אויף צו צי־הען זיך צוריק צו זייער אייגענער בעל־הבתישקייט.

דער פועל יוצא דערפון איז אָבער די מער פאַלנדע ווירקונג פון די פּריוואַטע אונטערנעמער, ווי גרויסע אַזוי קליינע, און די אַלץ וואַקסנדע קראַפט פון די אַרבעטער-קאָאָפּעראַטיוון. די פראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון לאָזן זיך וואָס ווייטער אַלץ מער איינבירגערן אין די מוחות אפילו פון די בירגערליכע שיכטן, און אויף אַזאַ אופן געווינט מען-אין קאַמף פאַר די טעגליכע עקאָנאָמישע אינטערעסן. פון די אַרבעטער דורך די פראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון אַלץ נייע און גינסטיגע פּאָזיציעס.

ס׳פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אַלץ וואָלט לחלוטין ניט מעגליך געווען צו באַווייזן דורך פראָדוציר-ווערקשטובן. בלייבן דיזעלבע אונטערנעמער און לוין-אַרבעטער, מעגן די אונטערנעמער זיין אפילו פּראָפעסיאָנעלע אָדער קאָנסום-פאַראיינען, פאַרלירט שוין דער לאָזונג פון „געזעלשאַפט-ליכע אַרבעט פאַר זעלבסט-פראָדוצירער״ זיין גאַנצן זין. דאַמאָלסט ווערן שוין גלייך באַרעכטיגט אי דער האַנטווער-קער, אי דער פּריוואַטער אונטערנעמער.

קאָן מען נאָך פאָדערן, אַז די אַרבעטס-מקחים זאָלן ניט אַראָפּגעדריקט ווערן, כדי די אַרבעטער זאָלן זיין זיכער מיט זייער עקזיסטענץ-מינימום, — אין דעם פאַל, ווען די געזעלשאַפטליכע אַרבעטן ווערן איבערגעגעבן אונמיטלבאַר די זעלבסט-פראָדוצירער,— אַזוי בלייבט אין איר גאַנצער קראַפט און שאַרפקייט די אונברחמנות׳דיגע קאָנקורענץ מצד די פּריוואַטע אונטערנעמער, ווען זיי ווערן געשטעלט פנים אל פנים מיט די אַרבעטער-אונטערנעמער—מיט די פראָדו-ציר-ווערקשטובן. איז דערלאָזבאַר, אַז געזעלשאַפטליכע אַר-בעט זאָל איבערגעגעבן ווערן אונטערנעמער, אַלץ איינס אַרבעטער אָדער פּריוואַטע, וועט שוין דאָס רוב אַרבעט ממילא אַריינפאַלן אין די הענט פון די פּריוואַטע אונטער-נעמער, ווייל זיי לוינט, נאַטירליך, קאָנקורירן, זיי שטעלן

זיך דאָך ניט אָפּ פאַר דער עקספּלואַטאַציע פון געדונגענע אַרבעטער, זיי אַרט דאָך ניט דער 8 שעה'דיגער אַרבעטס-טאָג און א. וו. און א. וו.

מיט איין וואָרט, אין דער הינזיכט פון באַקומען וואָס מער אַרבעט פאַר די אַרבעטער, איז אפילו ניט צו פאַר-גלייכן די מעגליכקייטן ביי די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַטיוון מיט די מעגליכקייטן פון די פּראָדוציר-ווערקשטובן. ביי דער שרעקליכער אַרבעטסלאָזיגקייט פון דער יעצטיגער איבער-גאַנגס-צייט, מוז מען דעם דאָזיגן מאָמענט אָפּגעבן אַ באַ-זונדער אויפמערקזאַמקייט.

.VIII

די באַדייטנדסטע ראָלע פון די פּראָדוציר-קאָאָפּעראַ-טיוון אין פאַרגלייך מיט די פּראָדוציר-ווערקשטובן שעפּט זיך אָבער ניט אויס מיט די טעגליכע עקאָנאָמישע און פּראָ-פעסיאָנעלע אינטערעסן. מיר האָבן זיך אויספירליך אָפּגע-שטעלט אויף די נאָהנטסטע אויפגאַבן פון די אַרבעטער צו-ליב דעם, ווייל מען קאָן און מען טאָר זיי בשום אופן ניט איגנאָרירן, ווייל מען מוז געבן אַ קלאָרן ענטפער אויף די אונמיטלבאַרע פראַגן, וועלכע דער טאָג-טעגליכער לעבן רוקט אַרויס אין איר גאַנצער שאַרפקייט.

די אַרבעטער אָבער טאָרן, פאַרשטייט זיך, אויף איין מינוט ניט פאַרגעסן אָן זייערע ווייטערדיגע שטרעבונגען און פּערספּעקטיוון. שטייען פאָר פאַר דעם אַרבעטער-קלאַס זעער וויכטיגע סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּראָבלעמען, שטרעבט דער אַרבעטער אויפצושטעלן די צורואינירטע דורך דער מלחמה וועלט-ווירטשאַפט, וויל ער אַריינטראָגן אויף דעם

געביט זיינע אידעאַלן און פּרינציפּן, אַזוי מוז ער שוין אָנ=
הויבן שמידן זיין ווילן און גייסט אין דער דאָזיגער ריכטונג,
ער מוז תיכף אָנהויבן קאָנצענטרירן זיינע כּוחות אַרום ווירק=
ליך שאַפנדע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס.

ס'וואָלט געווען נאַאיוו צו דענקען, אַז דער אַרבעטער=
קלאַס וועט קאנען אין איין שיינעם פריה=מארגן ווערן דער
אמת'ער גוטער ווירטשאַפטס = אנפירער. די פּרובן
פון די סאָוונאַרכאָזן אין ראטן=רוסלאנד האבן דייטליך באַ=
וויזן, ווי נויטיג ס'איז צוצוגרייטן ווי געהעריג איז דעם אר=
בעטער=קלאַס פאר דער עקאנאמישער ארבעט. פונקט ווי אויפ'ן
פּאָליטישן און קולטורעלן געביט, אַזוי אויך אויף דעם סאָ=
ציאַל=עקאָנאָמישן געביט מוז דער אַרבעטער=קלאַס דורכמאַכן
געוויסע שטופן.

איינע פון אַזעלכע וויכטיגע שטופן קאָנען אומבאַדינגט
בילדן די אַרבעטער פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון, זיי קאָנען
באַשטימט דינען אַלס גוטע ערציהונגס=אַנשטאַלטן פאַר די
צוקונפטיגע ווירטשאַפטס=אָנפירער.

אין די פּראָדוציר=ווערקשטובן, מעגן, ווי געזאָגט, די
אונטערנעמער זיין די פּראָפעסיאָנעלע אָדער קאָנסום=פאַר=
איינען קאָן די דאָזיגע אויפגאַבע ווייט ניט פאַרווירקליכט
ווערן. די פּסיכיק פון לוין=אַרבעטער, די סביבה פון פּראָ=
דוציר=ווערקשטוב טרייבן די געדאַנקען און אָנשטרענגונגען
פון די אַרבעטער אין אַ גאַנץ אַנדער ריכטונג. דאָרט, וואו
מען איז לגמרי ניט צוגעבונדן צו דער ווירטשאַפטס=אַרבעט,
דאָרט, וואו מען מוז אונטער דעם לעבנס=דראַנג טראַכטן
וועגן עקאָנאָמישן קאַמף, וועגן פירן שטרייקן און ד. גל.,
דאָרט, וואו די בעלי=בתים (אַלץ איינס, ווער זיי זיינען) און
די אַרבעטער זיינען צוויי צדדים — דאָרטן קאָן קיין רייד
ניט זיין וועגן ערנסטע שאַפנדע אַרבעט.

די פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון אָבער, וואו איבערן קאָפּ פון אַרבעטער הענגט ניט דער שאַרפער קלינגל פון וועלכן ניט איז בעל=הבית שפּיז, וואו ס'איז לחלוטין ניטאָ קיין אָרט פאַר וועלכן ניט איז עקאָנאָמישן קאַמף, וואו דעם אַרבעטער, שטייענדיג ביים וואַרשטאַט, אָטעמט זיך גאָר פרייער — דאָרטן, נאַטירליך, קאָן ווירקליך געפירט ווערן א גרויסע פרייע שאַפנדע אַרבעט. די פּראָדוציר=קאָאָפּעראַ=טיוון, וועלכע ווערן אָנגעפירט פון די אַרבעטער אַליין, גיבן דיזעלבע אַרבעטער די פולע מעגליכקייט באַקאָנען זיך נאָהנט מיט די ווירטשאַפטליכע פּאַרהעלטנישן און אַריינ=דרינגען אין די פאַרבאָרגענע ווינקלעך פון דער גרויסער ווירטשאַפטס=וועלט. די פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון, וואו יעט=ווידער אַרבעטער מוז זיין פאַראינטערעסירט, ווי בעסער צו פירן די בעל=הבתישקייט, קאָנען דינען דעריבער אַלס אויס=געצייכנטע צוגרייטונגס=שול פאַר די צוקונפטיגע ווירטשאַפטס=שאַפער. אַזעלכע שולן זיינען אומבאַדינגט נויטיג פאַר דעם אַרבעטער.

IX.

איין זאַך דאַרף מען אָבער מודה זיין, אַז בויען און אָנפירן מיט די פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון איז ווירקליך א סך שווערער, קאָמפּליצירטער, ווי מיט די פּראָדוציר=ווערקשטובן. אין דער צייט, ווען די אָרגאַניזיר=פאָרמען פון די פּראָדוציר=ווערקשטובן זיינען פאַרהעלטניסמעסיג גאַנץ איינפאַך, זיי זיינען אין אַלגעמיין כמעט דיזעלבע, ווי אין די פּריוואַטע אונטערנעמונגען, פאָדערן די פּראָדוציר=קאָאָפּעראַטיוון גאַנץ נייע פאָרמען, ספּעציעל צוגעפּאַסטע צו דער אַרבעטער=

סביבה אין דעם יעצטיגן איבערגאַנגס-פעריאָד. שאַפן אַזעלכע אָרגאַניזיר-פאָרמען, וועלכע ס׳זאָלן גלייכצייטיג פאַרבינדן די ווירטשאַפטליכע מאָמענטן מיט די קלאַסן-אינטערעסן פון פראָלעטאַריאַט איז געוויס ניט פון די גרינגע זאַכן.

ביים בויען די פראָדוציר-קאָאָפעראַטיוון קומט אויס אָנצושטויסן זיך אָפטמאָל אויף טראַדיציעס, איינגעוואָרצלטע געוויינהייטן און טיילווייז אויף אָפגעלעבטע באַגריפן, וועלכע לאָזן זיך אַזוי גיך ניט פאַרשווינדן פון לעבן. ביי אַ שוואַכע אָנפירונג, ביי אַ ניט גענוגנדן צוזאַמענבונד מיט די פראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און ד. גל., קאָנען אָפטמאָל די פראָדוציר-קאָאָפעראַטיוון אַראָפגיין פון זייער ריכטיגן וועג און פאַרוואַנדלען זיך אין אַזעלכע אונטערנעמונגען, וועלכע קאָמפראָמעטירן נאָר די אידעע פון אַרבעטער-קאָאָפעראַטיוון.

די אַלע שוועריגקייטן אָבער קאָנען בשום אופן ניט דינען אַלס ערנסטער מאָטיוו געגן די פראָדוציר-קאָאָפעראַטיוון, דעם אַרבעטער-קלאַס קומט קיין זאַך ניט אָן גרינג, דאָס איז שוין זיין היסטאָרישער גורל, און פון אים קאָן ער ניט אַרויס, ביז ער וועט ניט פאַרווירקליכן די גרויסע אויפגאַבן, וועלכע די געשיכטע האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

די הויפט-זאַך באַשטייט נאָר אין דעם, אַז אַלץ וואָס דער אַרבעטער-קלאַס טוט נאָר, זאָל אומבאַדינגט דינען זיינע אמת׳ע אַלגעמיינע אינטערעסן.

באַווייזן די עקאָנאָמישע פאַרהעלטנישן פון דעם יעצטיגן איבערגאַנגס-מאָמענט די נויטווענדיגקייט און מעגליכקייט פון עקזיסטענץ פון פראָדוציר-קאָאָפעראַטיוון, קאָנען ווירקליך געשאַפן ווערן אַזעלכע יסודות פון אַרבעטער פראָדוציר-קאָאָפעראַטיוון, וועלכע אַנטשפרעכן די יעצטיגע און צוקונפטיגע אינטערעסן פון דעם אַרבעטער-קלאַס, אַזוי

דאַרפן די אָרגאַניזירטע אַרבעטער אָנווענדן זייער גאַנצער ענערגיע, אויף וועלכע זיי זיינען טאַקי פייאיג, כדי פאַנאַנ־דערצוואַרפן וואו עס לאָזט זיך נאָר אַזעלכע ווירטשאַפטלי־כע קערנדלעך, ווי די אַרבעטער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון, שאַפן אומעטום אַזעלכע שטיץ־פונקטן, וועלכע קאָנען אָן שום ספק ברייגנען דעם אַרבעטער־קלאַס זעער גרויסע נוצן.

ביים
ווילנע

עס דרוקט זיך:

1) באַריכט וועגן דער טעטיגקייט פון די ווילנער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיון פאר דעם ערשטן יאָר פון 15 יוני 1919 ביז 1־טן יולי 1920 (מיט טאַבעלן און סטאַטיסטישע ידיעות).

2) תּקנות פון פאַרבאַנד פון די ווילנער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיוון.

3) תּקנות פון יעדער איינצלנעם פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיו.

4) תּקנות פון דער קראַנקן־ און פאַרזיכערונגס־קאַסע ביי די ווילנער פּראָדוציר־קאָאָפּעראַטיון.

הויפּט־פאַרקויף:

ווילנער פּראַדוציר־קאָאפּעראַטיון

ווילנע, נייע גאַס, 3.

פּרייז 15 מאַרק